© copyright 2003 AFII

קאַפּיטל דריי

[1] איצט איז געווען א מאן פון די פּרושים. זיין נאָמען איז געווען רב נקדימון, א [סנהֶדריסט] קצין פון די יהודים.

[2] דער איינער איז אָנגעקומען צו רבי מלך המשיח אונטער פאַרדעקונג פון לילה און גערעדט צו אים, רבי, מיר האָבן דַעַת אז פון השם ביסט דו געקומען, א מורֶה, ווייל קיינער קען ניט אויפטאָן די אותות (ניסמדיקע צייכנס) וואָס דו טוסט, נאָר אויב השם איז מיט אים.

[3] אין ענטפער, רבי מלך המשיח האָט געזאָגט צו אים, אמן, אמן, איך זאָג צו דיר, בלויז ווען איינער איז ווידער געבוירן, איז ער ניט בכּוֹחַ צו זען דאָס מלכות השם.

[4] רַב נקדימון זאָגט צו רבי מלך המשיח, ווי אַזוי ווערט א מאן, אלט זייענדיק, געבוירן? זיכער קען ער ניט אריין אין דעם טראַנט פון זיין אֶם (מוטער) צוויי מאָל אַריינצוגיין און ווערן געבוירן?

[5] אין ענטפער, רבי מלך המשיח האָט געזאגט, אמן, אמן, איך זאָג צו אייך: סיידן עמיצער איז געבוירן פון מים און רוח הקודש, איז ער ניט בכּוֹח צו אריינגיין אין דעם מלכות השם.

[6] דאָס וואָס ווערט געבוירן פון בשר איז בשר, און דאָס וואָס ווערט געבוירן פון רוח איז רוח.

[7] וואונדער ניט וואָס איך זאָג צו דיר, עס איז נייטיק דו זאָלסט ווידער געבוירן ווערן.

[8] דער רוח (ווינט, גייסט) בלאָזט וואו עס גלוסט, און דעם קלאַנג פון דעם הערסטו, אָבער דו האָסט ניט דעת פון וואַנען עס קומט אן און וואו עס גייט; דאָס איז אזוי מיט

אלעמען וואָס איז געבוירן געוואָרן פון דעם רוח הקודש.

[9] אין ענטפער, רב נקדימון האָט געזאָגט צו רבי מלך המשיח, ווי אזוי איז דאָס מעגלעך אז די זאַכן זאָלן פארקומען?

[10] אין ענטפער, רבי מלך המשיח האָט געזאָגט צו אים, דו האַלטסט די לערער שטעלע אלס רבי, אלס מורה ב'ישראל און פון די זאַכן האָסט דו ניט דעת?

[11] אמן, אמן, איך זאָג צו אייך, דאָס ווען וואָס מיר האָבן דעת רעדן מיר, און ווען דאָס וואָס מיר האָבן געזען, גיבן מיר פייערלעך עדות (עדותשאַפט), און די פייערלעך עדות פון אונדז נעמט איר ניט אָן.

[12] אויב איך האָב אייך געזעגט ווען זאַכן פון דעם עולם הזה און איר האָט ניט אמונה, ווי אזוי וועט איר האָבן אמונה אויב איך רעד צו אייך ווען די זאַכן פון דעם עולם הבָּא?

[13] און קיינער ניט איז ארויפגעשטויגן אין שמים (הימל) אחוץ דער איינער וואָס איז אָראָפּגעקומען פון שמים, דער בן האדם.

[14] און ווי משה האָט געהויבן דעם נחש אין דעם מדבר, אזוי איז עס נייטיק אַז עס זאָל זיין א הַגבּה (אויפהייבן) פון דעם בן האדם,

[15] אַז אַלע וואָס האָבן אמונה אין אים זאָלן האבן חיי עולם.

[16] ווייל השם האָט אזוי געהאַט אהבה פאר דעם עולם הזה אז ער האט אפּגעגעבן די מתנה פון זיין בן יָחיד, אז ווער נאָר עס האָט אמונה אין אים זאל ניט זיין נאבוד (פארלוירן, אומקומען, ווערן חרוב דורך פארטיליקונג), נאר זאל געפינען חיי עולם.

[17] ווייל השם האָט ניט אוועקגעשיקט דעם בן האלוהים אין

דעם עולם הזה אז ער זאָל משפטן דעם עולם הזה, נאָר אַז דער עולם הזה זאָל קענען ווערן געבראַכט צו דער גאולה און פון דעם עולם הַבָּא דורך אים (רבי מלך המשיח).

[18] דער איינער מיט אמונה וואָס איז מקבל משיח איז ניט געמשפּט, נאָר דער איינער אָן אמונה וואָס איז ניט מקבּל משיח, איז שוין געווען געמשפּט און געגעבן דעם פּסק-דין (ווערדיקט) פון "פאַרמשפּטונג," ווייל ער האָט ניט אמונה אין הַ-שֵׁם פון דעם בּן יָחיד פון השם.

[19] און דאָס איז דער פּסק-דין, אַז דאָס אור (ליכט) איז געקומען אין דעם עולם הזה, און בּני אדם האָבן געהאַט אהבה פאַר דעם חושך (פינסטערניש) מער ווי פאַר די אור (ליכטיקייט), ווייל זייערע מעשים זיינער געווען רעים (שלעכט).

[20] ווייל יעדערער וואָס גייט אין דעם דרך רשעים האט שנאת חִנָּם (אומבּאַגרינדיקטע האַס) פאַר דעם אור (ליכט) און גייט ניט צו דעם אור (ליכט), טאָמער וועלן זיינע מעשים אַנטפּלעקט ווערן.

[21] אָבער דער איינער וואָס טוט הַאֱמת גייט צו דעם אור (ליכט) כּדי זיינע מעשים הַמִּצְוֹת זאָלן ווערן דערקענט, אַז זיי זיינען אויסגעאַרבּעט געוואָרן אין השם.

[22] נאָך די זאַכן זיינען רבי מלך המשיח און זיינע תלמידים אָנגעקומען אין דעם לאַנד פון יהודה, און דאָרט איז ער געבּליבּן מיט זיי און איז געגעבּן געוואָרן די מקוה מים טבילה.

[23] און יוחנן איז אויך געגעבּן געוואָרן די טבילה לעבּן שָׁלֵם בּיי עֵינוֹן, ווייל עס איז געווען דאָרטן א סך וואַסער פאַר א מקוה, און די יהודים זיינען געקומען און האָבּן

אונטערגענומען די טבילה.

[24] יוחנן איז נאָך ניט געוואָרן ארייגעזעצט אין דעם בית-הסוהר (תּפיסה).

[25] דאַן איז דאָרטן געווען א דיסקוסיע פון יוחנן'ס תלמידים מיט איינעם פון די יהודים וועגן דער טעמע פון טהרה (רייניקונג).

[26] און זיי זיינען געגאנגען צו יוחנן און געזאָגט צו אים, רבּי, דער וועלכער איז געגאַנגען מיט דיר עֵבֶר-הירדן, דער איינער צו וועמען דו האסט געגעבן פייערלעך עדות, הנה, דער איינער גיט די מקוה מים טבילה און כּל בּני אדם גייען צו אים.

[27] אין ענטפער, יוחנן האָט געזאָגט, א מענטש קען ניט באַקומען גאָרניט, סיידן עס ווערט געקומען צו אים פון שמיים.

[28] איר אליין שטייט אַלס עדות פאר מיר, אז איך האָבּ דערציילט איך בּין ניט דער רבּי מלך המשיח, נאָר איך בּין געשיקט אַלס זיין פאָרויסגייער.

[29] דער איינער האָבּנדיק די כּלה איז דער חתן [דאָס הייסט רבּי מלך המשיח) אָבער דער שׁוֹשְׁבִין (אונטערפירער) פון דעם חתן, דער איינער וואָס איז געשטאַנען און זיך צוגעהערט צו אים מיט שימחה, פרייט זיך צוליבּ דעם קול (שטימע) פון דעם חתן. דעראיבּער, איז די שימחה מיינע געמאַכט געוואָרן שלמה (פול).

[30] עס איז נייטיק אז דער איינער (רבּי מלך המשיח) זאָל וואַקסן, אָבער פאַר מיר צו ווערן פארקלענערט.

[31] דער איינער קומענדיק פון אויבּן אן (רבּי מלך המשיח) איז איבּער אלץ; דער איינער זייענדיק פון עולם הזה איז פון דעם עולם הזה און פון דעם עולם הזה רעדט ער; הוא

הבּא (ער וואָס קומט, דאָס הייסט משיח) פון שמים איז איבּער אלץ.

[32] רבּי מלך המשיח גיט פייערלעך עדות צו דאָס וואָס ער האָט געזען און געהערט, פונדעסטוועגן קיין איינער האָט אָנגענומען זיין עדות.

[33] דער איינער וואָס איז מקבל משיח'ס עדות האָט דערבּיי אונטערגעשטעלט זיין חתם (חתימה) פון אויפווייז אז השפ איז אמת.

[34] ווייל דער וואָס השם האָט צוגעשיקט רעדט די דברי השם (ווערטער פון השם), ווייל ער דערלאַנגט דעם רוח הקדש אָן אַ מאָס.

[35] אלוהים האבֿ האָט אהבה פאר הבּן און האָט איבּערגעגעבּן אלע זאַכן אין זיין האַנט.

[36] דער איינער מיט אמונה אין דעם בּן האָט חיי עולם; אָבּער דער איינער וואָס פאָלגט ניט דעם בּן [האלוהים] וועט ניט זען חיים, נאָר דער חַרוֹן אפֿ (בּרענענדיקער צאָרן) פון השם בּלייבּט אויף אים.